# א מעשה'לע

גליון ג'

פרשת ויקרא תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## אַז מֶען גְלֵייבְּט
## זֶעט מֶען נִיסִּים

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַמָאל אַרַיין מִיט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים טִיף אִין וַואלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דוּרְשְׁטִיג.

דֶער תַּלְמִיד זָאגְט פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "רֶבִּי, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דוּרְשְׁטִיג, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער", דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט אִים: "וַוארְט אַבִּיסְל, אֶפְשָׁר בַּאלְד וֶועלְן מִיר טְרֶעפְן וַואסֶער". נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זָאגְט דֶער תַּלְמִיד מִיט זֵייעֶר אַ שְׁטִילֶע קוֹל: "רֶבִּי, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ גֵיי שׁוֹין כִּמְעַט חַלֶשְׁ'ן"; עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, דֶער תַּלְמִיד הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן וַוייס, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט אִים: "זָאג מִיר אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - וֶוען עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט - הָאט שׁוֹין



אַז מֶען גְלֵייבְּט זֶעט מֶען נִיסִים

דֶעמָאלְט גֶעזֶען אַז מִיר בֵּיידֶע וֶועלְן גֵיין אִינְאֵיינֶעם אִין וַואלְד, און דו וֶועסְט וֶוערְן זֵייעֶר דורְשְׁטִיג, און עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דִיר וַואסֶער?" רופְּט זִיךְ אָן דֶער תַּלְמִיד: "יָא יָא, זִיכֶער! זִיכֶער גְלֵייבּ אִיךְ אִין דֶעם!" דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן און עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר גְלֵייבְּן אַז דו הָאסְט אָנְגֶעגְרֵייט אַ יְשׁוּעָה פַאר אונְז".

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי וִוי אַ גוֹי קוּמְט צוּ גֵיין מִיט צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער וָואס הֶענְגְט אִים פון זַיין פְּלֵייצֶע! דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֵייט צוּ צוּ אִים און גֶעבְּט אִים אַפָּאר פְּרוּטוֹת, עֶר בֶּעט דֶעם גוֹי: "גֶעבּ אונְז אַבִּיסְל וַואסֶער"; דֶער תַּלְמִיד מַאכְט אַן עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה, עֶר הָאט גֶעטְרוּנְקֶען און עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען זַיינֶע כֹּחוֹת.

זֵיי זֶעעֶן דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט זֵיי, זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיס: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס!"

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְרֶעגְט דֶעם גוֹי: "זָאג מִיר, וָואס טוּסְטוּ דָא אִין וַואלְד מִיט דִי צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער?" זָאגְט דֶער גוֹי: "אִיךְ וֵייס נִישְׁט, מַיין בַּעַל הַבַּיִת אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, עֶר הָאט מִיר גֶעהֵייסְן אָנְפִילְן צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער און גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל אַרַיינְלוֹיפְן אִין וַואלְד; אִיךְ דְרֵיי זִיךְ שׁוֹין דָא דְרֵיי טֶעג אִין וַואלְד, אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי וֶועג אַרוֹיס", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פַארְן תַּלְמִיד: "זֶעסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם הָאט גֶעמַאכְט אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל מְשׁוּגָע וֶוערְן און אַרַיינְשִׁיקְן זַיין קְנֶעכְט אִין וַואלְד מִיט צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער אַז דו זָאלְסְט הָאבְּן וַואסֶער".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָארְגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר גְרֵייט אָן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף; אַז מֶען גְלֵייבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה און מֶען בֶּעט אִים - זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

# ספר המידות

בָּנִים - חלק א'

נט. עַל יְדֵי הֲדַסִּים בְּשַׁבָּת זוֹכֶה לְבָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

נט. דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען שְׁמֶעקְט הֲדַסִּים שַׁבָּת וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.



## גיב א עסיעכל

קענסט רעכענען?

שיק אים א בריף...

## קול ברסלב

**212.444.9191**

**845.351.0910**

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל: breslevcenter@gmail.com